תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

ב"ה

# שַׁאֲלוֹת אוּן יְדִיעוֹת

## אוֹיף

## פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

נאמען ______________________ נ"י

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

כיתה ג' (א) הר"ר הערשל גראס הי"ו


# שאלות אויף פרשת תולדות

**א. מיט וואס האט מען געוויזן פאר די רשעים אז יצחק איז אַ זוהן פון אברהם און נישט פון... ?**

ווייל זיין פנים האט אויסגעזעהן פונקט ווי אברהם.

**ב. צו וועמענס בית המדרש איז רבקה געגאנגען פארשטן ?**

צו די בית המדרש פון שֵׁם ועֵבֶר.

**ג. פון וואס האט רבקה מורא געהאט ווען זי האט געזעהן אז ער וויל ארויס גיין אויך ביים בית המדרש און אויך לעבן בית עבודה זרה ?**

אז עס וועט זיין אַ קינד וואָס איז אמאל אַ צדיק און אמאל אַ רשע.

**ד. פארוואָס האט יעקב געקאכט רויטע לינדזן ?**

ווייל אברהם אבינו איז נפטר געווארן, און ביי אַ אָבל איז אַ מנהג צו עסן לינדזן (הוסברנו באריכות הטעם כי זה עגול - גלגל החוזר בעולם).

**ה. פארוואָס האט דער אייבישטער אוועק גענומען אברהם אבינו פון די וועלט ?**

ער זאל נישט זעהן עשו מיט זיין רשעות.

**ו. פארוואָס האט יצחק אבינו געבעטן צוויי גדיי עזים ?**

איינס פאר אַ קרבן פסח און איינס אויף אַ קרבן חגיגה ווייל ס'איז געווען ערב פסח.

**ז. וואס האט יצחק געשמעקט ווען יעקב איז אריין געקומען מיט די מטעמים ?**

אַ ריח פון גן עדן.

אַ גוט שבת

המלמד

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג׳ (כ) הר"ר מנשה ברוך קליין הי"ו

# שאלות אויף פרשת תולדות

**א. מה היה קשה לרש"י בד"ה "ואלה תולדות יצחק" ?**
היכן מוזכר בפסוק תולדותיו של יצחק.

**ב. בן כמה שנים היה יצחק כשנשא את רבקה לאשה ?**
בן ארבעים שנה.

**ג. בן כמה שנים היה יצחק כשנולדו לו יעקב ועשו ?**
בן ששים שנה.

**ד. למה נעתר ה׳ לתפילתו של יצחק ולא לתפילתה של רבקה ?**
לפי שאינו דומה תפילת צדיק בן צדיק (יצחק), לתפילת צדיק בן רשע (רבקה).

**ה. מי קרא את שם יעקב ? ומאיזה טעם ?**
יצחק קרא לו יעקב, על שם שאחז בעקב עשו.

**ו. מי קרא את שם עשו ? ומאיזה טעם ?**
כולם קראו אותו כך, מפני שנעשה ונגמר בשערו כבן שנים הרבה.

**ז. מאימתי התחילו מעשיהם של יעקב ועשו להיות ניכרים ? ומה היה מעשיהם ?**
כשגדלו ונעשו בני י"ג שנה. עשו היה איש שדה ורמאי ויעקב היה יושב באהלה של תורה.

**ח. למה אהב יצחק את עשו ?**
כי עשו היה מביא את הציד שהיה צד.

**ט. למה אהבה רבקה את יעקב ?**
לפי שיעקב היה איש תם יושב אוהלים.

**י. מה היתה בקשת עשו מיעקב כשבא מן השדה ? ומה היתה תשובתו של יעקב ?**
עשו ביקש ליעקב שישפוך לפיו מן התבשיל שבישל, ויעקב השיב לו שמסכים בתנאי שימכור לו את הבכורה.

**יא. למה רצה יעקב את הבכורה ?**
משום שהעבודה שהיתה על ידי הבכורים לא יהיה על ידי עשו שהוא רשע.

**יב. לאיזה ארץ רצה יצחק לרדת בימי הרעב ? ומדוע ?**
יצחק רצה לרדת לארץ מצרים בימי הרעב, כי אביו אברהם גם ירד למצרים בימי הרעב.

**יג. מה אמר אז הקב"ה ליצחק ? ומדוע ?**
הקב"ה אמר לו שלא ירד למצרים, כי הוא נחשב לעולה ואסור לו לצאת לחוץ לארץ.

**יד. מה שאלו אנשי אבימלך ליצחק ? ומה היתה תשובתו ? ומדוע ?**
אנשי אבימלך שאלוהו על אשתו מי היא זאת, ויצחק ענה להם שהיא אחותו, לפי שהיה ירא שיהרגוהו.

**טו. אצל מי עוד קרה כדבר הזה ?**
אצל אביו אברהם.

בברכת א גוט שבת

המלמד

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִּי פַּרְשֶׁה

## וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק:

פַּארְוָואס שְׁטֵייט "יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק", וֵוייל דֶער אֵייבִּישְׁטֶער נֶעמְט אָן קוֹדֶם אַ תְּפִילָּה פוּן אַ צַדִּיק בֶּן צַדִּיק פַאר אַ תְּפִילַּת צַדִּיק בֶּן רָשָׁע, דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער פָּסוּק "וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם", וִוי אַזוֹי הָאט יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם גֶעהַאט תּוֹלְדוֹת (קִינְדֶער), וֵוייל "אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק" עֶר קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ צַדִּיק.

## הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו:

חַזַ"ל זָאגְן אַז וֶוען דִי אִידְן לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט זֵייעֶר אַרְבֶּעט גֶעטוּהְן דוּרְךְ דִי גוֹיִם, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט דַארְפְן גָארְנִישְׁט מַאכְן, אוּן דָאס אִיז טֵייטְשׁ "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב" אוֹיב עֶס וֶועט זַיין דִי קוֹל פוּן יַעֲקֹב וָואס עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו אַז אַלֶעס וֶועט וֶוערְן גֶעמַאכְט דוּרְךְ עֵשָׂו, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן גָארְנִישְׁט דַארְפְן טוּהְן.

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

## פּרשת תּולדות

# אַ תּוֹרָה אויף דִי פַּרְשָׁה

## וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו:

לכאורה איז זייער שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי קען זיין אַזאַ צדיק ווי יצחק אבינו וואָס האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה זאָל ליב האָבן עשו הרשע ווייל ער האָט אים געבּרענגט צו עסן.

נאָר מ'קען עס פאַרענטפערן מיט אַ מעשה וואָס איז געווען ביים הייליגן צדיק דער באר מים חיים זי"ע, ער האָט געהאַט אַ זוהן מיטן נאָמען ר' קלונימוס קלמן וואָס ער האָט זיך נישט אויפגעפירט שיין, און איז נישט געווען ערליך, און די חסידים האָבן געמיינט אַז דער רבי ווייסט נישט פון דעם, און זיי האָבן געוואָלט רעדן מיט אים דערפון כדי צו טראַכטן עפּעס אַ עצה ווי אַזוי אים צוריק צו שלעפּן ער זאָל תשובה טוהן.

שטייענדיג אונטער דעם רבי'נס טיהר, הערן די חסידים דעם רבי'נס קול ווי אַזוי ער רעדט, און ער זאָגט: "רבונו של עולם, קוק נאָר און זעה, ווי אַזוי איך פיר זיך אויף מיט מיין קינד, אַז אַפילו ער פירט זיך נישט ערליך האָב איך אים ליב, און איך רעד צו אים שיין, און איך מאַך מיט אים נאָר גוט'ס, כאָטשיג איך בין דאָך נאָר אַ מענטש אַ בשר ודם, אַוודאי דו הייליגער באַשעפער, וואָס דו ביזסט דער מלך מלכי המלכים, אונזער הייליגער טאַטע, וואָס דו ביזסט אַ טוב ומטיב און אַ רחום וחנון, איז זיכער אַז דו דאַרפסט טוהן מיט אונז גוטס אַפילו מיר האָבן געזינדיגט פאַר דיר, ווייל אַ טאַטע דערווייטערט נישט זיינע קינדער פון זיך, אַפילו ווען דער קינד איז שלעכט, און אַפילו אונז טוהען מיר נישט דיין הייליגן ווילן, פון דעסוועגן לערן זיך אַראָפּ פון מיר מיט אַ קל וחומר, און אַזוי ווי אַ טאַטע האָט רחמנות אויף זיינע קינדער, אַזוי זאָלסטו זיך דערבאַרעמען אויף דיינע אידישע קינדער און אונז משפיע זיין אַלע אונזערע באַדאַרפענישן.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

די חסידים האבן דעמאלטס געזעהן אז דער הייליגער צדיק דער באר מים חיים ווייסט גאנץ גוט ווי אזוי זיין זוהן פירט זיך אויף, און מיט דעם אלעם איז ער אים מקרב, כדי ער זאל קענען מיט דעם האבן א טענה צו דער אויבערשטער אז ער דארף זיך אויך אזוי פירן מיט זיינע קינדער די אידן.

איינער פון די חסידים וואס איז דארט געווען איז געווען דער הייליגער צדיק רבי פייוויש פון בראדשין זי"ע, האט ער דעמאלטס געזאגט, אז מיט די מעשה פארשטייט מען אויך פארוואס יצחק האט ליב געהאט עשו הרשע, ווייל יצחק וועט נוצן די טענה פאר'ן באשעפער ווען דער אייבישטער וועט קומען צו אים לעתיד לבוא און ער וועט אים זאגן "בניך חטאו" די אידן האבן געזינדיגט, וועט ער ענטפערן: רבונו של עולם, איך האב אויך געהאט א זוהן וואס יעדער איינער האט געוואוסט אז ער איז געווען "עשו הרשע" און מיט דעם אלעם האב איך אים ליב געהאט אזוי ווי א טאטע האט ליב א קינד, אויב אזוי דארפסטו אויך ליב האבן דיינע קינדער אפילו זיי האבן געזינדיגט און זיי פירן זיך נישט אויף אזוי ווי עס דארף צו זיין.

[און דאס זאגט די פסוק, "ויאהב יצחק את עשו", יצחק האט ליב געהאט עשו, ווייסטו פארוואס, "כי ציד בפיו", כדי עס זאל זיין פאר א ציד און א תירוץ אין מויל פון יצחק לעתיד לבוא ווען דער אייבישטער וועט אים זאגן אז די אידן האבן געזינדיגט].

אבער מ'פארציילט אז דער זוהן פון דער באר מים חיים האט צום סוף תשובה געטוהן, ווען דער באר מים חיים איז אוועק געפארן פון טשערנאוויטץ זענען אלע מענטשן פון שטאט אים ארויס באגלייטן, און אויך דער זוהן איז מיט געקומען, און ווען ער האט זיך געזעגנט פון אים, האט אים דער באר מים חיים אנגעכאפט זיין האנט און אים געזאגט: "זאג מיר צו אז דו וועסט תשובה טוהן", און ער האט אים צוגעזאגט, און טאקע אויף זיינע עלטערע יארן האט ער תשובה געטוהן בתשובה שלימה און ער איז געווארן א ריכטיגער בעל תשובה גמור און איז נפטר געווארן בקדושה און ער ליגט אין בית החיים אין צפת, במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד.

בס״ד

# תַלְמוּד תּוֹרָה יִטַב לֵב דְּרַבֵּינוּ יוֹאֵל מִסַאטְמַאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקדוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

## פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

# שְׁרֵייבּ אַרֵיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בֵּיי זֵיין טֵייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| בְּקַחְתּוֹ | א | | אַ גֶעקֶעכְטְס |
| אֲחוֹת | ב | | אַ רוֹיטֶער |
| לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ | ג | | אוּן אֵיין קֶענִיגְרֵייךְ |
| וַיֶּעְתַּר | ד | | אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען |
| וַיִּתְרֹצְצוּ | ה | | אוּן זֵיי הָאבְּן גֶערוּפְן |
| וַתֵּלֶךְ | ו | | אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטוֹיסְן |
| לִדְרשׁ | ז | | אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּער גֶעבֶּעטְן |
| שְׁנֵי גוֹיִם | ח | | אוּן צְוֵויי קֶענִיגְרֵייכְן |
| וּשְׁנֵי לְאֻמִּים | ט | | אַזוֹי וִוי אַ הָארִיג מַאנְטְל |
| יִפָּרֵדוּ | י | | אַקֶעגְן זֵיין וֵוייבּ |
| וּלְאֹם | יא | | דִי שְׁוֶועסְטֶער |
| מִלְאֹם | יב | | הָאט אָנְגֶעכַאפְּט |
| יֶאֱמָץ | יג | | וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן |
| אַדְמוֹנִי | יד | | וֶועלְן זֵיי זִיךְ צוּשֵׁיידְן |
| כְּאַדֶּרֶת שֵׂעָר | טו | | וֶוען עֶר הָאט גֶענוּמֶען |
| וַיִּקְרְאוּ | טז | | פוּן דֶעם אַנְדֶערְן קֶענִיגְרֵייךְ |
| אֹחֶזֶת | יז | | צוּ פָארְשְׁטְן |
| נָזִיד | יח | | צְוֵויי פֶעלְקֶער |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## מַאךְ אַ סִימָן ✓ בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע קֶעסְטְל

| ⇩ שְׁאֵלוֹת ⇩ | דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער | יִצְחָק | רִבְקָה | יַעֲקֹב | עֵשָׂו |
|---|---|---|---|---|---|
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט אִם כֵּן לָמָּה זֶה אָנֹכִי? | | | | | |
| וֶוער אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע ? | | | | | |
| פַאר וֶועמֶען הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען ? | | | | | |
| פַאר וֶועמֶען הָאט יִצְחָק גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען? | | | | | |
| וֶועמֶען רוּפְט דִי תּוֹרָה אָן "אִישׁ תָּם"? | | | | | |
| וֶועמֶען רוּפְט דִי תּוֹרָה אָן "אִישׁ שָׂדֶה"? | | | | | |
| וֶועמֶען הָאט יִצְחָק לִיבּ גֶעהַאט ? | | | | | |
| וֶועמֶען הָאט רִבְקָה לִיבּ גֶעהַאט ? | | | | | |
| וֶוער הָאט גֶעקָאכְט רוֹיטֶע לִינְזְן ? | | | | | |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

# ⇩ שְׁאֵלוֹת ⇩

| | דֶער אֵיבֶּערְשְׁטֶער | יִצְחָק | רִבְקָה | יַעֲקֹב | עֵשָׂו |
|---|---|---|---|---|---|
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט הַלְעִיטֵינִי נָא ? | | | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט מִכְרָה כַיּוֹם אֶת בְּכֹרָתְךָ לִי ? | | | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ לָמוּת ? | | | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט הִשָּׁבְעָה לִי כַּיּוֹם ? | | | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט אַל תֵּרֵד מִצְרָיְמָה ? | | | | | |
| וֶוער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן? | | | | | |
| וֶוער הָאט אָנְגֶעטוּהְן פַאר יַעֲקֹב דִי הָארִיגֶע קְלֵייד? | | | | | |
| וֶועמֶען הָאט יִצְחָק גֶעבֶּענְטְשְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע ? | | | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו? | | | | | |
| פַאר וֶועמֶען הָאט מֶען גֶעזָאגְט הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו? | | | | | |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

## שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבוֹת בַּיי זַייעֶרֶע שַׁאֲלוֹת

וַוייל
סְ'אִיז נִישְׁט
גְלַייך אַ תְּפִילָה
פוּן אַ צַדִיק
בֶּן צַדִיק
צוּ אַ תְּפִילָה
פוּן אַ צַדִיק
בֶּן רָשָׁע

וַוייל
עֶר הָאט
אוֹיסְגֶעזֶען
אַ גְרוֹיסֶער
מֶענְטְשׁ
מִיט אַסַאךְ
הָאר

וַוייל
עֶר הָאט
אָנְגֶעכַאפְּט
דִי
פֶּערְשְׁט
פוּן זַיין
בְּרוּדֶער

וַוייל
אַבְרָהָם
זָאל נִישְׁט
זֶעהְן דִי
שְׁלֶעכְטֶע
מַעֲשִׂים
פוּן זַיין
אֵיינִיקְל עֵשָׂו

וַוייל
אִין
יֶענֶע טָאג
אִיז
אַבְרָהָם
נִפְטַר
גֶעוָוארְן

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ה<br>אִיז אַבְרָהָם נִפְטַר גֶעוָוארְן פַאר דִי צַייט | א<br>הָאט דֶער אֵייבֶּישְׁטֶער אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי תְּפִילוֹת פוּן יִצְחָק | מ<br>הָאט יַעֲקֹב גֶעקָאכְט רוֹיטֶע לִינְזְן וָואס אִיז אַ רִינְדֶערְנֶע מַאֲכָל | ר<br>הָאט יִצְחָק אִים גֶערוּפְן יַעֲקֹב | נ<br>הָאט יִצְחָק גֶעבֶּעטְן צְוויי יוּנְגֶע צִיגְן אֵיינְס אוֹיף אַ קָרְבַּן פֶּסַח אוּן אֵיינְס אוֹיף אַ קָרְבַּן חֲגִיגָה |
| א<br>הָאט יִצְחָק לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו | י<br>הָאט יִצְחָק נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן | ב<br>הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן עֵשָׂו | ב<br>הָאט עֶר גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן דִי בְּכוֹרָה | ו<br>הָאט זִי אַרַיין גֶעשִׁיקְט יַעֲקֹב מִיט דִי עֶסְן צוּ יִצְחָק |

וַוייל וָואס
עֶר הָאט
גֶעפַאנְגֶען
הָאט עֶר
גֶעגֶעבְּן
פַאר זַיין
טַאטֶע
אִין מוֹיל

וַוייל
יַעֲקֹב
הָאט נִישְׁט
גֶעוָואלְט אַז דִי
עֲבוֹדָה אִין בֵּית
הַמִקְדָשׁ זָאל
גֶעטוּהְן וֶוערְן
דוּרְךְ אַ רָשָׁע

וַוייל בְּשָׁעַת
דִי עֲקֵידָה הָאבְּן
דִי מַלְאָכִים
גֶעוויינְט אוּן
סְ'הָאט אַרָאפּ
גֶעטְרָאפְּט
זַייעֶרֶע טְרֶערְן
אוֹיף
יִצְחָק'ס אוֹיגְן

וַוייל
סְ'אִיז
גֶעוֶוען
דֶערְמָאלְטְס
פֶּסַח
בַּיינַאכְט

וַוייל
רִבְקָה
הָאט גֶעוָואלְט
אַז יִצְחָק זָאל
בֶּענְטְשְׁן אִיר
זוּהְן יַעֲקֹב

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן בַּיי וֶועמֶענְס צַייטְן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אַ הוּנְגֶער

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# צוּ אַ פַּאס צוּ דִי רִיכְטִיגֶע בִּילְד





עֵשָׂו פַּאנְגְט חַיוֹת

יַעֲקֹב קָאכְט רוֹיטֶע לִינְזֶען
עֵשָׂו קוּמְט אַרֵיין אוּן
קִישְׁט נִישְׁט דִי מְזוּזָה





דִי מַאמֶע רִבְקָה הָאט
אָנְגֶעטוּהְן פַאר יַעֲקֹב
עֵשָׂו'ס מַאנְטְל

יַעֲקֹב אָבִינוּ לֶערְנְט דִי
הֵיילִיגֶע תּוֹרָה





עֵשָׂו עֶסְט אָן אַ
בְּרָכָה

יִצְחָק אָבִינוּ
בֶּענְטְשְׁט זֵיין זוּהְן יַעֲקֹב

# קֶעסְטְל רֶעטֶענִיש

פַאנְג אָן צוּ גֵיין פוּן דֶער אוֹת ו' וָואס אִיז אָנְהֵייבּ פוּן דִי קֶעסְטְל אוּן טְרֶעף דִי פָּסוּק:

## וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק:

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | יִ | ת | רֵ | דְ | הָ | לֶ | אֵ | וְ |
| צְ | צְ | דֹ | לְ | וֹ | תּ | י | אֶ | ד |
| ק | חָ | הָ | ם | אַ | ק | ן | ת | י |
| בֶּ | א | רָ | יִ | בְ | חָ | צְ | יִ | לְ |
| ן | אַ | בְ | ר | רָ | הָ | ם | ה | וֹ |

וֶוען מְ'עֶנְדִיגְט דַארְף מֶען אַרֵיינְשְׁרֵייבְּן דִי אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹתִיוֹת אִין דִי לֵיידִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן פוּן וֶועלְכֶע יָאר הָאט מֶען גֶעזֶעהְן דִי חִילוּק פוּן יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו

פוּן

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |

| | | |
|---|---|---|
| | | |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# נֶעם אַרוּם דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי פָּסוּק וָואס דִי טַייטְשׁ אִיז:

אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעבּוֹירְן יִצְחָק:

**וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם**
**אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק:**

_______________________________

אַז יִצְחָק הָאט שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן:

**וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה**
**הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ:**

_______________________________

אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיין גֶעבֶּעט:

**וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה**
**הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ:**

_______________________________

אַז יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען זֶעכְצִיג יָאר וֶוען עֶר הָאט זֵיי גֶעבּוֹירְן:

**וְאַחֲרֵי כֵן יָצָא אָחִיו וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב**
**עֵשָׂו וַיִּקְרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב**
**וְיִצְחָק בֶּן שִׁשִּׁים שָׁנָה בְּלֶדֶת אֹתָם:**

_______________________________

אַז עֵשָׂו הָאט גֶעזָאגְט, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ דִי בְּכוֹרָה:

**וַיֹּאמֶר עֵשָׂו הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ לָמוּת**
**וְלָמָּה זֶּה לִי בְּכֹרָה:**

_______________________________

אַז עֵשָׂו הָאט גֶעשְׁוואוֹירְן פַאר יַעֲקֹב:

**וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב הִשָּׁבְעָה לִּי כַּיּוֹם**
**וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּמְכֹּר אֶת בְּכֹרָתוֹ לְיַעֲקֹב:**

_______________________________

אַז דִי הוּנְגֶער אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער דִי עֶרְשְׁטֶע הוּנְגֶער:

**וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ מִלְּבַד הָרָעָב הָרִאשׁוֹן**
**אֲשֶׁר הָיָה בִּימֵי אַבְרָהָם וַיֵּלֶךְ יִצְחָק**
**אֶל אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ פְּלִשְׁתִּים גְּרָרָה:**

_______________________________

אַז אֲבִימֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער קֶענִיג פוּן פְּלִשְׁתִּים:

**וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ מִלְּבַד הָרָעָב הָרִאשׁוֹן**
**אֲשֶׁר הָיָה בִּימֵי אַבְרָהָם וַיֵּלֶךְ יִצְחָק**
**אֶל אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ פְּלִשְׁתִּים גְּרָרָה:**

_______________________________

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


בס"ד

# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וואוּ הָאט יִצְחָק גְעדַאווֶנְט ?

◇ אִין שׁוּהְל פוּן שֵׁם וְעֵבֶר

◇ אַקֶעגְן זַיין פְרוֹי

◇ אִין מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה

בַּיי וֶועמֶענְס שׁוּהְל אִיז רִבְקָה גֶעגַאנְגֶען פַארְשְׁטְן ?

◇ אִין שׁוּהְל פוּן אַבְרָהָם

◇ אִין שׁוּהְל פוּן נֹחַ

◇ אִין שׁוּהְל פוּן שֵׁם וְעֵבֶר

וִויפִיל יָאר אִיז יִצְחָק גֶעוֶוען וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעבוֹירְן ?

◇ פִינֶעף אוּן פוּפְצִיג

◇ זֶעכְצִיג

◇ דְרַיי אוּן צְוָואנְצִיג

וִויפִיל יָאר אִיז רִבְקָה גֶעוֶוען וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעבוֹירְן ?

◇ פִינֶעף אוּן פוּפְצִיג

◇ זֶעכְצִיג

◇ דְרַיי אוּן צְוָואנְצִיג

וָואס אִיז עֵשָׂו גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן פֶעלְד ?

◇ מִיד

◇ פְרֵיילִיךְ

◇ טְרוֹיעֶרִיג

וָואס הָאט יַעֲקֹב גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר עֵשָׂו חוּץ פוּן רוֹיטֶע לִינְזְן ?

◇ פְלֵיישׁ

◇ בְּרוֹיט

◇ מְזוֹנוֹת

וָואס הָאט עֵשָׂו פַארְשֶׁעמְט ?

◇ דִי בְּכוֹרָה

◇ דִי סֵפֶר תּוֹרָה

◇ יַעֲקֹב

וואוּ אִיז גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער יָאר?

◇ אִין אֶרֶץ כְּנַעַן

◇ אִין אֶרֶץ מִצְרַיִם

◇ אִין בְּאֵר שָׁבַע

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק


# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת תוֹלְדוֹת

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

פַארְוָואס לָאזְט נִישְׁט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֵיין פַאר יִצְחָק קֵיין מִצְרַיִם ?

- ◇ וֵוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין כֹּחַ
- ◇ וֵוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען הֵיילִיג פוּן דִי עֲקֵידָה
- ◇ וֵוייל מְ'הָאט גֶעקֶענְט צוּנֶעמֶען רִבְקָה אַזוֹי וִוי שָׂרָה

וֶוער הָאט גֶעפְרֶעגְט פַאר יִצְחָק פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז רִבְקָה אִיז זַיין שְׁוֶועסְטֶער ?

- ◇ אֲבִימֶלֶךְ
- ◇ פַּרְעֹה
- ◇ בְּתוּאֵל

וֶועלֶעכֶע רֵיחַ הָאט יִצְחָק גֶעשְׁמֶעקְט וֶוען יַעֲקֹב הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי עֶסְן ?

- ◇ פוּן גֵיהִנוֹם
- ◇ פוּן גַן עֵדֶן
- ◇ פוּן טֵייטְלֶען

פוּן וֶועמֶען הָאט עֵשָׂו צוּגֶענוּמֶען דִי הָארִיגֶע מַאנְטְל?

- ◇ נִמְרוֹד
- ◇ בְּתוּאֵל
- ◇ עֶפְרוֹן

וָואס הָאט יִצְחָק אָבִינוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב ?

- ◇ וְיִתֶּן לְךָ
- ◇ הַמַלְאָךְ הַגוֹאֵל
- ◇ יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ

## נֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| וַיֹּאכַל | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה | עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקִישְׁט דִי מְזוּזָה |
| וַיֵּשְׁתְּ | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה | עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקִישְׁט דִי מְזוּזָה |
| וַיָּקָם | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה | עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקִישְׁט דִי מְזוּזָה |
| וַיֵּלַךְ | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה | עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט | עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקִישְׁט דִי מְזוּזָה |

בס"ד